Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 171 | Łódź, Niedziela, 24 lipca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, כ׳ תמוז תרצ״ב | № 171

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אורטייל איבער דער בערלינער רעגירונג

## ווערט ארויסגעטראגען ווערט היינט אדער מארגען

## נעכטען האט דער העכסטער מלוכה־טריבונאל אין לייפציג בעטראכט די אנקלאגע פון פרייסען, בייערן און באדען

לייפציג, 23 (ספ.) 10 א זייגער פאר־מיטאג האט דער העכסטער מלוכה־טריבונאל אין לייפציג בעטראכט די אנקלאגע געגען דער בער־לינער פאן פאפען־רעגירונג צוליב די אויסערגע־וועהנליכע פעראררדנונגען, וואס זענען אדורכגע־פיהרט געווארען אין פרייסען.

די אנקלאגע האבען אונטערשטיצט פארשטע־הער פון פרייסען, בייערן און באדען.

די פארשטעהער פון פרייסען האבען פערלאנגט אפצושטעלען אין זיין אמט דעם נאמינירטען קאמיסאר פאר פרייסען ביז דער טריבונאל וועט ארויס טראגען דעם אורטייל.

דער מלוכה־סעקרעטאר פון פרייסישען אינערן־מיניסטעריום האט אפגעגעבען א שריפטליכע ער־קלערונג, אין וועלכע ער לייקענט, אז ער זאל האבען געדראהט צו ארעסטירען די דייטשע רייכס־רעגירונג און אז זאל האבען געשטאנען אין קאנ־טאקט מיט די קאמוניסטען.

דער ריכטער שמידט האט פארגעלעזען די פער־ארדנונג פון מלוכה־פרעזידענט צו בעשטימען א קאמיסאר פאר פרייסען. האט אויך בעקענט די ריכטער מיט די טענות פון די אנקלאגער. און אנגעוויזען, אז די דערמאנטע פעראררדנונג שטעהט אין סתירה צום ארט. 24 פון דער קאנסטיטוציע.

נאכדעם האבען די פארשטעהער פון ביידע צדדים געהאלטען שארפע רעדעס און וועלכע זיי האבען פערטיידיגט זייערע שטאנדפונקטען.

די זיצונג האט זיך געענדיגט שפעט אין אוועבד.

דער אורטייל וועט ארויסגעטראגען ווערען היינט זונטאג, אדער מארגען מאנטאג.

פאר׳ן בנין פון געריכט זענען געשטאנען טוי־זענדער מענשען, וועלכע האבען זיך געוואלט אריינ־קריגען אין געריכטס־זאל. פאליציי, האט דעם עולם פונאנדערגעטריבען און דאביי זענען מעהרערע פער־זאן ארעסטירט געווארען.

### ארעסטען

בערלין, 23 (ספ.)

מען האט ארעסטירט דעם געוועזענעם בער־לינער פאליציי־קאמענדאנט פולק. היימאנסבערג, דעם פאליציי־מאיאר ענקע און רייכסבאנער־מיט־גליד קארלבערג. דער אפיציעלער קאמוניקאט ווע־גען ארעסט זאגט, אז מען איז אלע דריי חושד אין האנדלונגען פון 20 יולי. אונטער א שטארקער עסקארטע האט מען די ארעסטירטע אפגעפיהרטע אין דער מיליטערישער טורמע אין מאאביט.

בערלין, 23 (ספ.)

דער מיליטערישער דיקטאטאר פון בערלין און פון דער בראנדענבורגער פראווינץ גענעראל רונד־שטעט האט אפגעשטעלט אויף 4 טעג די צייטונג „8 אור אוועגדבלאט" פאר׳ן אפדרוקן א קאריקאטור פון פאן פאפען.

### בעשטראפען פאר רופען צו גענ. שטרייק

בערלין, 23 (ספ.)

דער מיליטערישער דיקטאטאר גענעראל רונד־שטעט האט אויך א בריף צו די פאליציי־פרעזידענטען פון בערלין און פון דער בראנדענבורגער פראווינץ געמאלדען אז מען זאל ווי צום שטרענגסטען בע־שטראפען פאר רופען און אגיטירען צו א גענעראל־שטרייק.

### ווירטעמבערג פראטעסטירט

בערלין, 23 (ספ.)

דער פרעזידענט פון דער פראווינץ ווירטעמ־בערג ד״ר באלץ האט געהאלטען א שארפע רעדע געגען דער צענטראלער רעגירונג. ער האט געזאגט אז דאס דייטשע פאלק ווערט געשטויסען צו א

(ווייטער זעה 3־טע זייט)

### די נייע לייטער פון די פרייסישע מיניסטעריומס



אויבען, פון רעכטס: שלייכער – פינאנץ־מיניסטעריום, מוזעהל – לאנדווירטשאפט־מיניסטעריום, ד״ר ערנסט – האנדעלס־מיניסטעריום.
אונטען, פון רעכטס: ד״ר שיידט – קאמוניקאציע־מיניסטעריום, ד״ר העלשער – יוסטיץ מיני־סטעריום, ד״ר לאמערס – בילדונגס־מיניסטעריום.

### ד״ר בראכט



דער ניי קאמיסארישער אינערן־מיניסטער פאר פרייסען

פארק „העלענאוו" — טראמווייען 8, 4.

דינסטאג, דעם 26 יולי 30 8 אוועגד
פאר׳ן אפפאהר נאך אויסלאנד וועט אויפטרעטען מיט א

אפשידס־קאנצערט

דער וועלט־בעריהמטער אויבער־קאנטאר פון דער ווארשאווער סינאגאגע

ה׳ משה קוסעוויצקי

דאס פראגראם בעשטעהט פון רעליגיעזע תפלות, יודישע פאלקס־לידער און אפערן־אריעס פון זיין נייעסטען רעפערטואר און קומט פאר מיט דער בעטייליגונג פון

פילהארמאנישען ארקעסטער. ● ביים קלאוויר: פר. ליכטערמאן־דאווידאוויטש. ● אלע פלעצער צום פרייז פון 1.10 זל.

בילעטען־פארפצרקויף: זאלמאנאוויטש, פעטריק. 12; ווייגבערג, נאוואמיעסקא 30 (קאנדיטארייע); קאטעק, פעטריק. 294 (קאנדיטארייע); חישינסקי, גלובנא 62 (קאנדיטארייע); סקורא, 6־שערפינג 1 (מלעטשארניע) און אין קאסע פון העלענאוו

פארק „העלענאוו" — טראמווייען 8, 4.

## ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז.

היינט, זונטאג, כ׳ תמוז, צוליב דער 28־טער יאהרצייט פון

# בנימין זאב ב״ר יעקב ד״ר טעאדאר הערצל ז״ל

קומט פאר: 11 א זייגער פריה א פייערליכע הזכרה אין דער סינאגאגע אויף אלעיא קאשטשיושקי. 9 אוועגד אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (שרודמיעסקא 29) פערזאמלונג געווידמעט דעם אנדענקען פון ד״ר הערצל ווי אויך דעם 10־יעהריגען געדענק־טאג פון דער בעשטעטיגונג פון ארץ־ישראל־מאנדאט דורך דעם פעלקער־בונד.

רעדעס וועלען האלטען: דעפ. ד״ר ראזענבלאט, אינזש. י. זשעלינסקי.

אריינגאנג פריי!

4464

## פערלוירען געווארען

א נאכנאהמע פון עקספ. „יעלין און רודאמין" אויף 845 זלאטעס, אויך א טשעק אויף 400 זלאטעס אויף Bank Chrześcjański Kupców i Przemysłowców. אלע בעווארענישען זענען געמאכט געווארען.

דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אבצוגעבען

### געגען בעלוינונג

אין דער פירמע „רזשעפעוויץ און מאנצקי" פאמארסקא 77, טעלעפאן 13182.

4461

## פאר מאגענליידנדע

ראבארבער־וויין

פיפסין־וויין

איז פרימא קוואליטעט

צו בעקומען אין דער ווייןהאנדלונג פון

## E. SZYKIER

Północna 1, tel. 107-84

